IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

## אויסלאַנד: מייַנע באַגעגענישן • Abroad: My Encounters

by A. Mokdoni, translation by Hayyim Rothman

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (May 2019)

For the online version of this article:

[http://ingeveb.org/texts-and-translations/abroad-my-encounters]

# אויסלאַנד: מײַנע באַגעגענישן

# Abroad: My Encounters

A. Mokdoni
translated by Hayyim Rothman

**Introduction:** The retrospective gaze is a trap in which we are easily snared and from which it is often difficult to extract ourselves. A certain course of events seems necessarily to have flowed in the direction it did when, in fact, a plenitude of forces converge on each moment, each with its own momentum and its own trajectory. Properly speaking then, a person of the moment is not he who in retrospect embodies the "spirit of his time" as it is later construed. Rather, he is a chaotic and amorphous being, a sort of monstrosity bearing in himself the *whole* of his time in a manner that later seems impossible.

While Zionism appears today as the dominant Jewish political ideology, a century ago it was but one of a great many competing ideologies. A man of *that* moment would not be one who chose a certain doctrine and consistently upheld it. Nor would he be one who passed "from Zionism to Socialism and Anarchism, from Hebraism to Yiddishism, from faith to heresy, from piety to libertinism." Rather, he would be one who "inhabited all these camps at once."[1] Rabbi Yaakov Meir Zalkind (1875-1938) is one such person, whose talent and audacity lead him to the center of each of these movements.

The career of this fascinating individual has been summarized by Anna Torres in an article published by *In geveb*; this translator has also produced a more detailed biography which should shortly appear elsewhere. The present selection from Alexander Mokdoni's[2] memoirs duplicates some of the biographical details recorded in these studies; however, its primary value lies in the way that it offers us a glimpse—in many respects an unsympathetic, if ultimately respectful, one—into the personality of this now obscure figure and likewise into the sort of effect he had on others.

This account is important not only because it gives us to understand how—beyond innate talent—Zalkind managed to assume so many positions of authority (he was a charismatic, but also domineering, person) but also because it dampens the heroic picture of the man that

[1] Kleinman, M. "Ya'kov Meir Zalkind: Le-Yom Ha-Shevi'i Le-Moto." *Davar*, 1938, 9.
[2] "Alexander Mokdoni" is a pseudonym for Alexander Kappel.

appears in his eulogies. It allows us to see a real person who crossed the social, cultural, and political boundaries of his day in an admirable and interesting way, but who was also deeply flawed and difficult to get along with. It is this sort of honest image of an author that grants some insight both into the person behind the text, and also into the causes underlying both his successes and his failures.

# Abroad: My Encounters

I.

The student colony in Bern appeared to be a cohesive group of young men and women inspired by an intense drive for education; this impulse seemed to unite everyone and transform them into a single mass. But this was a superficial view.

Once one looked more closely, it became clear that the student colony was riven and torn asunder into parties large and small, by groups and circles.

There were groups that would under no circumstances meet with the others.

Thus were the students divided and separated from one another by party or ideological divisions. Students were also divided and separated from one another by differences in socio-economic background.

There were rich children with rich parents who lived in comfortable circumstances and would have neither contact nor business with poor students or those students affiliated with religious parties. Like their parents in cities throughout Russia, they would have neither contact nor business with the poorest class of the student populace or with the revolutionary movement.

Truth be told, however, there were but a small number of bourgeois students that acted in this manner. Actually, wealthy children would join poor and revolutionary students groups with the most fervor and commitment.

More stark and more vehement were party differences. These would truly erect iron walls between one group of students and another.

The Zionist students would really have no contact with the socialist students because the majority of the revolutionary student body were extreme assimilationists. They would speak only Russian; they lived with Russian culture and in the Russian revolutionary movement.

These "pious" assimilationists evoked a sharp reaction on the part of the nationalist, or the Zionist, students—and to spite the assimilationists they became even more extremely nationalistic.

I even happened upon a Jewish-nationalist dueling society that conducted itself just like the German patriotic-military-*junkerish* student corporations.[3]

[3] Here, Mukdoni refers to a peculiar feature of German student life which persists until today, namely, the "dueling society (*schlagenden Verbindungen*)." The hyper-masculine ethos which Mokdoni describes

Generally, these groups were composed of quarrelsome students who were apt to duel with one another for the most petty reasons, over things one tends to pass by in daily life without giving them any mind.

For example, a member (*korporant*) of one of the German dueling societies might make a stand and, with great pathos ask another student, who may have looked at him sharply:

"Why are you fixing on me?"

Which meant "why are you staring at me?"

Looking at a student-*korporant* —"fixing on him"—was an offense so great that it could lead to a duel that might end in someone getting a cut or a deep wound on his face. This cut, or this gash, would have to be deep enough so as to leave a lifelong scar. It would be the very pride of the young German, the pride of his father and mother, the pride of his girlfriend, later his wife: a clear symbol of his courage engraved upon his face.

On certain holidays, these student groups would wear colored hats, colored ribbons, glossy boots, and fencing swords.

They would then march about like soldiers.

They would have special officers to lead the command. They would have their "*kneipes*" (pubs) where they would come together to drink beer in public and sing student and patriotic songs. They would have their "girl" wear the uniform of the group in question. In most cases, this was a barmaid or some other girl.

The groups needed these girls for two reasons. First, because they were young men who required the community of women. Second, in order to practice chivalry toward women as per military tradition.

For these groups were indeed military organizations embedded in the universities.

Since no respectable young woman wanted to be the corporation-girl, then this "honored position" would have to be offered to one of the bar maids.

I encountered one such Jewish military corporation marching along one of the streets of Bern.

To this day, my face reddens with shame when I recall my first confrontation with such mimicry.

This march was surely initiated in order to provoke the assimilationists and the revolutionaries; in the end, however, it turned out that they were working more against themselves than against anyone else. The Jewish group and its members appeared so comical that even the generally reserved, serious Swiss would laugh upon seeing this group marching in public with its hats and ribbons and fencing swords.

---

roughly corresponds to the darker features of fraternity life on American campuses. Mokdoni's account fits with contemporary historical research on the subject of German student life during the period in question (Zwicker, Lisa Fetheringill. *Dueling students: Conflict, masculinity, and politics in German universities, 1890-1914.* University of Michigan Press, 2011; Pickus, Keith H. "The Emergence of Jewish Student Associations." *Constructing Modern Identities: Jewish University Students in Germany, 1815-1914.* Wayne State University Press, 1999: 81-112). In speaking of the "junker" corporation, Mokdoni does not intend a specific social class — Junkers were members of the Prussian landed nobility. Rather, he refers to their reputation for reactionary politics, extreme nationalism, and militaristic ethos.

The captain of this group was none other than the future Dr. Jacob Meir Salkind: the rabbi, later the anarchist, and still later the Yiddish translator of two volumes of the Talmud, who died in the land of Israel.

This Salkind was short, wide-boned, with the lumbering gait of a bear. His beard was blond but dishevelled, wild and unruly.

He wore a colorful hat on top of his head and a colorful sash in a manner similar to that of high-diplomats and kings. He wore lacquered boots and marched in a military fashion with all the manners of a junker-corporation.[4] It was the most comical picture one can imagine.

To this group belonged the late Dr. S. Melamed, who was well known in America, and others.

The group was mostly made up of students who spoke no Russian, former yeshiva boys and also some of those who were called "the Frankfurters"— poor students living off subsidies that the pious Jews of Frankfurt would give them on the condition that they would observe Jewish law in all its details.

All in all it turned out that this Jewish-national fencing group was a sorry bunch.

A few were adept students, but no one Russian by education or in mindset was to be found among them.

Dr. Salkind was not a down and out, but he was a naturally provocative person.

He was very able—he knew how to learn, was familiar with philosophy, and was thoroughly Jewish in mentality—but was always playing the role of provocateur, which impressed nobody but himself. His provocative character made him laughable and drove him into the arms of ideologies that seemed opposed to his whole being, and then towards literary work as distant from him as heaven is from earth. It was only due to his great ability that he managed to succeed.

After completing his studies in Bern with a doctorate in philosophy, he married a wealthy widow in England.[5] He became the rabbi of a small congregation somewhere in England[6] and all went well.

There was nobody against whom to play the provocateur. Nobody . . . . With no other option he became a stately rabbi, without the priestly manner of course. He was a rabbi who could learn, a well educated man; he was a rabbi, a good, consistent Jew.

But a life of peace and comfort does not work for someone who is a provocateur, for a picky person; this he was unable to endure. Something about the congregation bothered him, some immaterial irritation, the sort that most men experience repeatedly every day but then ignore. Not Dr. Salkind.

From this small irritation he stirred up a huge conflict and, from this conflict, there emerged a schism large enough that he slid into an ideology to which he had never before in his life had the least connection, an ideology from which, his whole life, he had been as far as East is from West.

---

[4] Regarding Mokdoni's reference to the Junkers, see previous note.

[5] This is a misrepresentation or an error on Mokdoni's part. Salkind married Sonia Silva after completing his doctorate—a first marriage for both of them. Their marriage deteriorated long after Salkind's short tenure as rabbi. During the divorce process, Salkind began a relationship with Pauline (Puah) Wengrover, who was a wealthy widow.

[6] "Somewhere in England" was Cardiff.

During the First World War he was bothered by the efforts of the English government to mobilize Russian citizens.

In short, he moved away from the rabbinate and became an anarchist. He began to work in the anarchist press. He was capable and pugnacious, and became a brilliant anarchist writer. Slowly, however, his indignation cooled until finally it abated. With the abatement of his indignation his tendency to provoke others also weakened; he turned away from anarchism, settled in the land of Israel, and died there.

During this short period, he developed a love for Yiddish that he carried with him into his old age. Though in his youth he had nothing to do with Yiddish; then, he fought Yiddish.

The Jewish student fencing corporation in Bern, which was called "Kadimah," was Hebrew-Orthodox.

No longer a young man, he took it upon himself to translate the Talmud into Yiddish.

He was only able to translate the tractate of *Brakhot* and the order of *Zerayim*[7]. It is a good translation and he was a talmudic expert. He studied talmud assiduously and this certainly qualified him for the great task.

In the land of Israel he did not distinguish himself by his activity. There, he was no more than a peripheral figure.

He died on the sidelines.

The stubborn, provocative, quarrelsome man, the man of great ability for which he was never able to find the right use, died somewhat secluded.[8]

Dr. Jacob Meir Salkind was, fundamentally, a deeply honest man, a man who knew nothing of compromises, a man who knew nothing of saying "half for me and half for you." A fighter by nature, for some psychological reason he became a mere provocateur.[9]

He could have been a systematic combatant. By temperament, in his stubbornness and in the whole of his being, this is what he was.

Indeed, even in the height of his provocations, he managed to be productive in his provocations.

---

[7] In fact, Zalkind translated the first four tractates of the order of Z*erayim*.

[8] This is not true. Pauline Wengrover, whom he eventually married, accompanied him to Palestine, started a business there, and outlived him. They also had children together, though their son eventually immigrated to the United States.

[9] Here, the author uses the term "*ifkhamistabranik*," an interesting combination of two Aramaic words, *ifkha* (opposite) and *mistabra* (reasoning or thinking) with a slavic suffix, -*nik* (indicating exemplification, endorsement, or association). So, an *ifkhamistabranik* is one who thinks differently. In principle, it might be better translated as "iconoclast" or "contrarian," but in context the author wishes to emphasize not Zalkind's ideas, but his way of relating to people.

II.

Dr. Jacob Salkind was a true genius who threw himself into contrasts and extremes. But in every such extreme, in every such contrast, he was creative and productive. I met him in Bern as an aggressively Orthodox Jew, a piously Orthodox Jew, a Jew who observed the dietary laws with the greatest care. The Jewish student group Kadimah, which he organized and led, was Orthodox in character; they kept the dietary laws and adopted an aggressively Orthodox stance.

He was a true genius. He left many creative works unfinished. He was a philologist and a philosopher. He is said to have spoken thirty languages; though Yiddish and Hebrew were his mother tongues, he wrote in German, English, and other languages.

He wrote philosophical and historical works.

He wrote social-political works and edited anarchist writings and newspapers during his anarchist period.

He wrote children's plays in Yiddish and Hebrew.

He wrote polemical anarchist brochures.

He wrote Zionist propaganda brochures.

He did dozens of things, each contradicting the other.

He wrote dozens of books and each seems to have been written to spite the last.

As I said, he allegedly spoke thirty languages, but Yiddish and Hebrew always played off against each other. He has been both an uncompromising Hebraist and also a Yiddishist.

He sharply changed his ideologies; the one ideology being a complete contradiction of the other.

He was fervently Orthodox when I first met him in Bern, but he became an anarchist and an anarchistic writer.

He was always honest, openhearted, and straightforward, regardless of his later ideological shifts.

But his honesty was somewhat caustic, biting, and also provocative—[he would say] since you are all false and lying, I will be captious, bitterly truthful, and fiercely honest.

Even with his beard, his tangled, wild-growing beard, he meant to provoke people.

Because all the other students appeared without a beard, he wore one.

But later on, I saw a photograph of him without a beard.

His beard was the first victim to fall to the anarchism to which he had by then converted.

The genius knew everything and undertook everything.

He began publishing in 1900. He wrote belletristic and political articles, plays, translations, and so on.

He published his creations in the following languages: Hebrew, Yiddish, German, Russian, English, French, and Spanish.

In 1916, during the war, he edited a paper called the *Yidishe shtime*, a sharp

anti-militarist weekly.

However, only thirteen issues of this paper appeared.

Aside from being anti-militarist, this weekly was both left-wing and nationalist [in orientation].[10]

He was the editor of the anarcho-communist weekly *Der arbeter fraynd* for three years. Among his various endeavors he also took it upon himself to write an important scientific book—of which we have seen only the first three chapters—entitled *On the History of Jewish Printing*, in which he also planned to deal with the history of Jewish booksellers and Jewish libraries.

He also produced a prayer book for schools with historical and grammatical notes together with a preface covering the history of the prayer book.[11]

He also translated Molière's T*he Miser* from the French and authored a booklet entitled *The Philosophy of Anarchism*.[12]

He also wrote a *History of the Censorship of Jewish Books by the Church and the Inquisition*.

This work he wrote on the basis of a manuscript he discovered in the Paris library written by an old censor, a Jew from Safed, a student of a great kabbalist, and later an apostate. In that text, the apostate indicates which lines in which books ought to be erased.

His greatest achievement was the translation of the tractate *Berakhot* and the order of *Zerayim*, the last of which has yet to be printed.

This translation is undoubtedly competent and learned; however, his Yiddish is impoverished and blasé.

He is more of a Hebraist than a Yiddishist.

And perhaps he was not even a writer at all, but what can a genius not do?

A Jewish genius is a renaissance man; he knows everything and can do everything.

But he died in the land of Israel.

In all his zigzagging, in all his passages from one extreme to the other, he was faithful to and held out in one thing. For most of his life, he was a Zionist and he died a Zionist in the land of Israel.

Of all the geniuses I have known, Dr. was the truest and therefore the most unhappy.

The true genius is uneasy, a man who finds no place in life, who often changes his place, his beliefs, his occupations, and his sympathies. He can do everything and can actually do nothing.

He knows everything and actually knows next to nothing.

---

[10] The phrase Salkind uses is "national-radical." What he meant is that the paper was broadly affiliated with the left but not with any particular ideology. That is, it was neither an anarchist nor a socialist organ, but one that supported ideas which would be welcomed by both. This, Salkind made clear in several editorials published in the Shtime.

[11] I have not found record of this publication.

[12] This was not in fact authored by Salkind. It was a Yiddish translation of Kropotkin's *Philosophy of Anarchism,* which was published by the Arbeter Fraynd Ferlag in 1922 as *Di Anarkhistishe Philosofiya* (see "Bikher Oysfarkoyf," *Arbeter Fraynd*, Thursday November 10, 1922: 8).

When I came to Bern, Jacob Meir Salkind was already an old student; yet, I still managed to meet with him, to speak to him and discuss with him, to get to know him as far as possible.

He was a true genius; that is, an outstandingly able person. His mind absorbed everything and his memory retained everything permanently—or at least for a long time.

However, as with every true genius for whom everything is easy and accomplishable without great effort, he was unable to settle on any particular scientific or literary path.

But the main thing: he had great abilities and no talent. It is talent that holds a person to a particular path in science or art.

The genius becomes attached to no particular path; in the end, he is able to do all but nothing exactly, he knows everything but is connected to nothing.

The true genius is a tragic personality who is blessed with great ability but cursed with a lack of connections and with faithlessness to everything.

Jacob Meir Salkind was able to connect himself with some ideology, to some literary path, but never for very long; it was never enough to constitute his path in life, his life-ideal.

Like a true genius, he suffered from eternal restlessness.

This restlessness of his dragged him from one extreme to another.

Yet, he always retained one character trait: honesty.

He did nothing in which he did not believe.

He had to believe something to do anything.

He often changed his beliefs and his ideologies, but never in his life was he without one.

Without a belief, he would have been lost; his restlessness would have dragged him into the proverbial "mountains of darkness."

Jacob Meir Salkind was the first curious character who interested me in Bern, in the city in which the best and brightest Jewish-Russian youth were to be found. Almost everybody is distinguished by something and stands out in some way.

Dr. J.M. Salkind was the first person to interest me because he caught my attention more than anyone else, being the greatest provocateur in the already colorful student colony.

# איסלאַנד: מייַנע באַגעגענישן

די סטודענטישע קאָלאָניע אין בערן האָט בלויז פֿון אויסן אויסגעזען ווי איין מאַסע פֿון יונגע מענער און פֿרויען, וואָס איז באַנומען פֿון אַ גוואַלדיקן דראַנג צו בילדונג, און דער דאָזיקער דראַנג האָט זיי אַלעמען פֿאַראייניקט און צונויפֿגעגאָסן אין איין מאַסע.

דאָס איז געווען אַן אייבערפֿלעכלעכער קוק.

באַלד האָט איר איַנגעזען, אַז די סטודענטישע קאָלאָניע איז צעריסן און צעפֿליקט אין פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך, אין גרופּקעלעך און אין קרייַזלעך.

און געווען גרופּן, וואָס פֿלעגן זיך קיין מאָל גאָר נישט באַגעגענען מיט די אַנדערע.

אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט זענען זיי געווען דורך פּאַרטייִשע, אָדער אידעאָלאָגישע ווענט איינע פֿון די אַנדערע, אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט זענען זיי געווען לויט זייער סאָציאַלן און עקאָנאָמישן שטאַנד.

געווען רייַכע קינדער פֿון רייַכע עלטערן, וואָס פֿלעגן לעבן אין רחבֿות און האָבן קיין מגע־ומשׂא נישט געהאַט מיט די איבעריקע אָרעמע און פֿרום־פּאַרטייִשע סטודענטן, אָט ריכטיק ווי זייערע טאַטעס און מאַמעס אין די פֿאַרשידענע שטעט אין רוסלאַנד האָבן נישט געהאַט קיין שום מגע־ומשׂא מיט די אָרעמסטע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג און מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

דער אמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די צאָל פֿון אַזעלכע בורזשואַזע סטודענטן איז געווען קליין: גראָד די קינדער פֿון די רייַכע פֿלעגן צופֿאַלן צו דער מערהייט פֿון די אָרעמע און רעוואָלוציאָנערע סטודענטן מיט אַ גרויסער פֿרומקייט און איבערגעגעבנקייט.

שטאַרקער און בייזער זענען געווען די פּאַרטיי־דיפֿערענצן, זיי פֿלעגן ממש אַוועקשטעלן איַיזערנע ווענט צווישן איין גרופּע סטודענטן און דער אַנדערער.

ציוניסטן פֿלעגן ממש קיין מגע־ומשׂא נישט האָבן מיט די סאָציאַליסטישע סטודענטן, ווייַל דער גרעסטער טייל פֿון דער רעוואָלוציאָנערער סטודענטנשאַפֿט איז געווען עקסטרעם אַסימילאַטאָריש, זיי האָבן גערעדט בלויז רוסיש, געלעבט מיט דער רוסישער קולטור און מיט די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען.

אָט די פֿרומע אַסימילאַטאָרישע סטודענטן האָבן אַרויסגערופֿן אַ שאַרפֿע רעאַקציע בייַ די נאַציאָנאַליסטישע, אָדער ציוניסטישע סטודענטן, און אויף צו להכעיס, אויף צעפּוקעניש די אַסימילאַטאָרן זענען זיי געוואָרן עקסטרעם נאַציאָנאַליסטיש.

איך האָב אין בערן געטראָפֿן אַפֿילו אַ שלאָגנדיקע קאָרפּאָראַציע פֿון נאַציאָנאַליסטישע ייִדישע סטודענטן אויף דעם שטייגער פֿון די דייַטשישע פּאַטריאָטיש־מיליטעריש־יונקערישע קאָרפּאָראַציעס.

די קאָרפּאָראַנטן בכלל זענען געווען סטודענטן, וואָס פֿלעגן אָפּט דועלירן מיט אַנדערע, קעגנערישע סטודענטן, צוליב נישטיקע סיבות, סיבות וואָס מען גייט זיי פֿאַרבייַ אין טאָג־טעגלעך לעבן און מען שטעלט זיך גאָר נישט אָפּ אויף זיי.

אַזוי, למשל, קען אַ דייַטשישער שלאָגנדיקער קאָרפּאָראַנט זיך אַ שטעל טאָן און מיט רוגזה אַ פֿרעג טאָן אַן אַנדער סטודענט, וואָס האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אויף אים:

– וואַרום פֿיקסירען זי מיך?

דאָס הייסט — פֿאַר וואָס קוקט איר מיך אָן?

אָנקוקן אַ סטודענט קאָרפּאָראַנט, אָדער „פֿיקסירן“ אים, איז געווען אַזאַ באַליידיקונג, וואָס האָט געקאָנט פֿירן צו אַ דועל אויף שפּאַגעס, וואָס ענדיקט זיך מיט אַ שניט, אָדער אַ טיפֿן קראַץ אויפֿן פּנים.

דער דאָזיקער שניט, אָדער קראַץ מוז לאָזן נאָך זיך אַ שאַרפֿן סימן אויפֿן פּנים אויפֿן גאַנצן לעבן, אָט דער סימן פֿון אַ שניט איז דער שטאָלץ פֿון דעם יונגן דײַטש אַליין, דאָס איז דער שטאָלץ פֿון זײַן פֿאָטער און מוטער און דאָס איז דער שטאָלץ פֿון זײַן מיידל, שפּעטער כּלה און פֿרוי.

דאָס איז דער קלאָרער באַווײַז פֿון זײַן מוט, פֿון זײַן קוראַזש, עס איז אויסגעקריצט אויף זײַן פּנים.

אָט די דאָזיקע סטודענטישע קאָרפּאָראַציעס טראָגן אין געוויסע יום־טובֿ־טעג געפֿאַרבטע היטעלעך, געפֿאַרבטע לענטעס, גלאַנציקע שטיוול און פֿעכטשווערדן.

זיי מאַרשירן ווי סאָלדאַטן.

זיי האָבן זייערע אָפֿיצירן, וואָס פֿירן די קאָמאַנדע, זיי האָבן זייערע „קנײַפּעס“, שענקלעך, וווּ זיי קומען זיך צונויף טרינקען ביר בציבור, זינגען סטודענטישע און פּאַטריאָטישע לידער, זיי האָבן זייער מיידל, וואָס טראָגט דעם אוניפֿאָרם פֿון דער באַטרעפֿנדיקער קאָרפּאָראַציע, דאָס דאָזיקע מיידל איז אין די מערסטע פֿאַלן אַ קעלנערין אין אַ שענקל, אָדער אַן אַנדער מיידל.

דאָס מיידל דאַרף די קאָרפּאָראַציע האָבן ראשית, ווײַל זיי זענען יונגע מענטשן און דאַרפֿן האָבן די געזעלשאַפֿט פֿון פֿרויען, צווייטנס דאַרפֿן זיך די סטודענטן פּראַקטיצירן די ריטערלעכע באַציִונג צו דער פֿרוי לויט די אַלטע טראַדיציעס פֿון מיליטאַריזם.

און די קאָרפּאָראַציעס זענען אייגנטלעך מיליטאַריסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען אַרײַנגעדרונגען אין די אוניווערסיטעטן.

און היות ווי אַ בעל־הבתּיש מיידל וועט פֿאַר קיין פֿאַל נישט ווערן קיין קאָרפּאָראַציע־מיידל, איז באין־ברירה פֿאַרנעמט דעם דאָזיקן זייער בכּבֿודיקן פּלאַץ אַ קעלנערין.

פּונקט אַזאַ ייִדישע מיליטאַריסטיש־נאַציאָנאַליסטישע קאָרפּאָראַציע האָב איך אָנגעטראָפֿן מאַרשירנדיק איבער די בערנער גאַסן.

און עד־היום רויטלט זיך מײַן געזיכט פֿון בושה, ווען די ערשטע באַגעגעניש מיט אַזאַ נאָכקרימעניש ווערט אויפֿגעלעבט אין מײַן זכּרון.

דאָס איז זיכער געווען אַ צולהכעיס די רעוואָלוציאָנערע און אַסימילאַטאָרישע סטודענטן, אָבער אַ צולהכעיס סוף־כּל־סוף מער קעגן זיך אַליין ווי קעגן אַנדערע, די ייִדישע סטודענטן־קאָרפּאָראַציע און די מיטגלידער האָבן אויסגעזען אויסערסט קאָמיש, אַז אַפֿילו די ערנסטע און סאָלידע שווייצער פֿלעגן זיך צעלאַכן זעענדיק די דאָזיקע קאָרפּאָראַציע מאַרשירנדיק אין פֿאַרביקע היטעלעך און לענטעס און מיט פֿעכטשווערדן.

דער קאַפּיטאַן פֿון דער דאָזיקער ייִדישער שלאָגנדיקער קאָרפּאָראַציע איז געווען דער שפּעטערער ד"ר יעקבֿ־מאיר זאַלקינד, דער ראַבײַ, שפּעטער דער אַנאַרכיסט און נאָך שפּעטער דער איבערזעצער פֿון צוויי מסכתּות פֿון תּלמוד, און וואָס איז געשטאָרבן איז ארץ־ישׂראל.

דער דאָזיקער זאַלקינד איז געווען קורץ, ברייטבייניק, מיטן שווערן טראָט פֿון אַ בער, ער האָט געטראָגן אַ באָרד, אַ בלאָנדלעכע, אָבער צעפּאַטלטע, אַ פֿאַרלאָזענע און אַ צעטומלטע.

זאַלקינד אין אַ פֿאַרביק היטל אויפֿן שפּיץ פֿון קאָפּ, אַ פֿאַרביקע לענטע אויפֿן שטייגער פֿון הויך־פֿאַרדינטע דיפּלאָמאַטן און מלכים, אין לאַקירטע שטיוול און מאַרשירנדיק מיליטעריש מיט אַלע מאַנירן פֿון אַ יונקערישן קאָרפּאָראַציע־פֿירער, איז געווען דאָס קאָמישסטע בילד, וואָס מען קען זען אין לעבן.

צו דער קאָרפּאָראַציע האָבן געהערט דער פֿאַרשטאָרבענער באַקאַנטער אין אַמעריקע ד"ר ש. מלמד א"אַ.

צו דער קאָרפּאָראַציע האָבן געהערט מײַסטנס סטודענטן, וואָס האָבן קיין רוסיש נישט גערעדט, סטודענטן ישיבֿה־בחורים און אַ טייל סטודענטן, וועלכע מען האָט גערופֿן „די פֿראַנקפֿורטער“. דאָס זענען געווען אָרעמע סטודענטן, וואָס האָבן שטודירט און געלעבט פֿון סובסידיעס, וואָס די פֿרומע פֿראַנקפֿורטער ייִדן פֿלעגן זיי געבן מיטן תּנאַי, אַז זיי זאָלן אָפּהיטן ייִדישקייט אין אַלע פּרטים.

אַרום און אַרום האָט זיך באַקומען, אַז די שלאָגנדיקע ייִדיש־נאַציאָנאַליסטישע קאָרפּאָראַציע איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע דווקא פֿון שלימזלדיקע סטודענטן.

בלויז עטלעכע גאָר בריהשע סטודענטן, אָבער נישט קיין רוסישע לויט זייער בילדונג און זייער דערציִונג, זענען אַרײַנגעפֿאַלן אין איר.

ד"ר זאַלקינד איז שוין גאָר קיין שלימזל נישט געווען, אָבער ער איז בטבֿע געווען אַ צולהכעיסניק.
ער איז געווען אַ זייער פֿעיִקער. ער האָט געקענט גוט לערנען, ער האָט געקענט פֿילאָזאָפֿיע, ער איז געווען דורכויס ייִדיש לויט זײַן מענטאַליטעט, אָבער ער האָט כּסדר געשפּילט קעגן עמעצן אַ צולהכעיס, אָבער דער צולהכעיס האָט דעם עמעצן קיין מאָל נישט אָנגערירט, דער צולהכעיס האָט אָנגערירט כּסדר אים אַליין, ער האָט אים געמאַכט לעכערלעך, ער האָט אים געוואָרפֿן אין די אָרעמס פֿון אידעאָלאָגיעס, וואָס זענען געווען פֿרעמד זײַן גאַנצן מהות, און צו שריפֿטשטעלערישע אַרבעטן פֿון וועלכע ער איז געווען הימל ווײַט, און נאָר אַ דאַנק זײַנע גרויסע פֿעיִקייטן האָט ער זיי גובֿר געווען.
נאָכן ענדיקן זײַן שטודיום אין בערן, ווי אַ דאָקטאָר פֿון פֿילאָזאָפֿיע, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ פֿאַרמעגלעכער אַלמנה אין ענגלאַנד. ער ווערט אַ ראַבײַ אין אַ קליינער קאָנגרעגיישאָן ערגעץ אין ענגלאַנד.
און אַלץ איז געגאַנגען גוט, כּשורה.

נישטאָ קעגן וועמען צו שפּילן אַ צולהכעיס.
נישטאָ...
און באין־ברירה ווערט ער אַ סטאַטעטשנער ראַבײַ, פֿאַרשטייט זיך, אָן די גלחישע מאַנירן, ער איז אַ ראַבײַ, וואָס קען לערנען, ער איז אַ ראַבײַ אַ פֿילזײַטיק געבילדעטער, ער איז אַ ראַבײַ און אַ גוטער און אויסגעהאַלטענער ייִד.
אָבער אַ פּנים לעבן אין שלום און אין שלווה נישט טוענדיק עפּעס עמעצן אויף צו להכעיס, אויף צעפּוקעניש, האָט ער נישט געקענט, האָט זיך עפּעס פֿאַרטשעפּעט בײַ אים אין דער קאָנגרעגיישאָן, אַ קליינע ניט־וויכטיקע פֿאַרטשעפּעניש, וועלכע יעדער מענטש האָט אַ טוץ אין טאָג און פֿרעסט זיי אויס, אָבער נישט ד"ר זאַלקינד.
פֿון דער קליינער פֿאַרטשעפּעניש איז געווען אַ גרויסע מחלוקת און פֿון דער מחלוקת איז געוואָרן אַ ריס, אַזאַ ריס וואָס האָט אים פֿאַרשלײַדערט אין אַן אידעאָלאָגיע, צו וועלכער ער האָט זײַן גאַנץ לעבן די מינדסטע שײַכות נישט געהאַט, אַן אידעאָלאָגיע, פֿון וועלכער ער איז געווען ווײַט זײַן גאַנץ לעבן ווי מיזרח איז ווײַט פֿון מערבֿ.
ער פֿאַרטשעפּעט זיך אין דער צײַט פֿון דער ערשטער מלחמה מיט דער ענגלישער רעגירונג אין דער פֿראַגע פֿון מאָביליזירן רוסישע בירגער.
הכּלל, ער גייט אַוועק פֿון רבנות און ווערט אַן אַנאַרכיסט.
ער הייבט אָן מיטצואַרבעטן אין דער אַנאַרכיסטישער פּרעסע.
פֿעיִק איז ער, קריגעריש איז ער און ער ווערט אַ גלענצנדיקער אַנאַרכיסטישער שרײַבער.
אָבער ביסלעכווײַז ווערט זײַן צאָרן אָפּגעקילט ביז ער לעשט זיך אין גאַנצן אויס, און מיט דער אויסלעשונג פֿון זײַן צאָרן ווערט אויך אָפּגעשוואַכט זײַן צולהכעיס־שפּיל, ער גייט אַוועק פֿון אַנאַרכיזם און ער באַזעצט זיך אין ארץ־ישׂראל, און דאָרט איז ער געשטאָרבן.
אָבער פֿון דעם דאָזיקן קורצן פּריאָד טראָגט ער אַוועק מיט זיך אַ ליבע צו ייִדיש, אַ ליבע אויף די עלטערע יאָרן, ווײַל אין זײַנע יונגע יאָרן האָט ער מיט ייִדיש גאָר נישט געהאַט צו טאָן, ער האָט באַקעמפֿט ייִדיש.
די בערנער שלאָגנדיקע ייִדישע סטודענטישע קאָרפּאָראַציע, וואָס האָט געהייסן „קדימה“, איז געווען דורכויס אַ העברעיִש־אָרטאָדאָקסישע.
און שוין נישט קיין יונגער מענטש נעמט ער זיך צו איבערזעצן דעם תּלמוד אויף ייִדיש.
ער באַווײַזט בלויז צו איבערזעצן די מסכת ברכות און סדר זרעים.
עס איז אַ גוטע איבערזעצונג, ער איז אַ קענער פֿון תּלמוד. ער איז אַן אייביקער לערנער פֿון תּלמוד און דאָס קוואַליפֿיצירט אים דורכויס פֿאַר דער גרויסער אַרבעט.
אין ארץ־ישׂראל צייכנט ער זיך נישט אויס מיט קיין טעטיקייט, ער איז דאָרט אַזוי גוט ווי אַ זײַטיקער.
און ער שטאַרבט ווי אַ זײַטיקער.
דער עקשן, דער צולהכעיסניק, דער קריגערישער מענטש, דער מענטש פֿון גרויסע פֿעיִקייטן, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געפֿונען די ריכטיקע באַשערטע פֿאַרווענדונג, שטאַרבט עפּעס איינזאַם.

ד"ר י. מ. זאַלקינד איז געווען אין תּוך אַ טיף ערלעכער מענטש, אַ מענטש, וואָס ווייסט נישט פֿון קיין פּשרות, אַ מענטש, וואָס ווייסט נישט חציו שלי וחציו שלך, אַ מענטש בטבֿע אַ קעמפֿער, וואָס איז עפּעס דורך אַ פּסיכאָלאָגישן פֿלאָנטער געוואָרן בלויז אַ צולהכעיסניק, בלויז אַן איפּכא־מסתּבראניק.
ער האָט געקענט זײַן אַ סיסטעמאַטישער קעמפֿער, אַן אויסגעהאַלטענער קעמפֿער. ער איז עס געווען לויט זײַן טעמפּעראַמענט, לויט זײַן עקשנות און לויט זײַן גאַנצן מהות.
אַפֿילו אין דעם סאַמע ברען פֿון זײַנע צולהכעיסן פֿלעגט ער זײַן אין די צולהכעיסן גופֿא שעפֿעריש.

***

ד"ר יעקבֿ זאַלקינד איז געווען אַן אמתער עילוי, ער האָט זיך געוואָרפֿן אין עקסטרעמען און קאָנטראַסטן, אָבער אין יעדן עקסטרעם און קאָנטראַסט איז ער געווען שעפֿעריש און אויפֿטועריש. איך האָב אים באַגעגנט אין בערן ווי אַ קעמפֿערישן אָרטאָדאָקסישן ייִד, אַ ייִד, אָרטאָדאָקסיש פֿרום, אַ ייִד, וואָס היט אָפּ כּשרות מיט דער גרעסטער שטרענגקייט.
די ייִדישע סטודענטישע שלאָגנדיקע קאָרפּאָראַציע „קדימה“, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט און געפֿירט, איז געווען אָרטאָדאָקסיש, אַ כּשרות־אָפּהיטנדיקע און אַ קעמפֿעריש פֿרומע.
ער איז געווען אַן אמתער עילוי, ער האָט אַ סך שעפֿערישע אַרבעטן געלאָזן נישט פֿאַרענדיקטע, ער איז געווען אַ פֿילאָלאָג און פֿילאָזאָף, ער זאָל האָבן געקענט 30 שפּראַכן, אָבער ייִדיש און העברעיִש זענען געווען זײַנע מוטערשפּראַכן. ער האָט געשריבן אין דײַטש, אין ענגליש און אין אַנדערע שפּראַכן.
ער האָט געשריבן פֿילאָזאָפֿישע און היסטאָרישע ווערק.
ער האָט געשריבן סאָציאַל־פּאָליטישע ווערק און רעדאַקטירט אַנאַרכיסטישע שריפֿטן און צײַטונגען, אין זײַן אַנאַרכיסטישן פּעריאָד.
ער האָט געשריבן קינדער־פּיעסן אין ייִדיש און אין העברעיִש.
ער האָט אַרויסגעלאָזן פּאָלעמישע אַנאַרכיסטישע בראָשורן.
ער האָט אַרויסגעלאָזן ציוניסטיש־אויפֿקלערערישע בראָשורן.
ער האָט געטון צענדליקער זאַכן, און איטלעכע זאַך איז געווען אין שאַרפֿער סתּירה מיט דער אַנדערער זאַך.
ער האָט געשריבן צענדליקער ביכער, אָבער איטלעכס בוך איז געווען עפּעס אַ צולהכעיס דעם אַנדערן בוך.
ער זאָל האָבן געקענט, ווי געזאָגט, 30 שפּראַכן, אָבער ייִדיש און העברעיִש האָבן כּסדר געשפּילט אַ צולהכעיס־שפּיל, דאָ איז ער געווען אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער העברעער און דאָ אַ ייִדישיסט.
ער האָט געביטן שאַרף זײַנע אידעאָלאָגיעס.
און איין אידעאָלאָגיע איז געווען אין שרײַענדיקער סתּירה צו דער אַנדערער.
ער איז געווען שטרענג־אָרטאָדאָקסיש פֿרום, ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין בערן, און ער איז געוואָרן אַן אַנאַרכיסט און אַן אַנאַרכיסטישער שרײַבער.
ער איז געווען ערלעך, אָפֿן־האַרציק און גראָדליניק, נישט קוקנדיק אויף זײַן אָפֿטער בײַטעניש פֿון אידעאָלאָגיעס.
אָבער זײַן ערלעכקייט איז געווען עפּעס אַ שטעכעדיקע, אַ בײַסיקע און אויך אַ צולהכעיסדיקע — דערפֿאַר וואָס איר זײַט אַלע פֿאַלש און ליגנעריש, וועל איך אײַך אויף צעפּוקעניש זײַן ביטער אמתדיק און שטעכעדיק ערלעך.
אַפֿילו מיט זײַן באָרד, מיט זײַן פֿאַרפּלאָנטערטער, ווילד געוואַקסענער באָרד האָט ער געשפּילט צו להכעיס.
ווײַל אַלע סטודענטן זענען געווען אָן בערד, האָט ער געטראָגן אַ באָרד.
שפּעטער האָב איך געזען אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אים, איז ער שוין געווען אָן אַ באָרד.
די באָרד איז געפֿאַלן דער ערשטער קרבן פֿון דעם אַנאַרכיזם, צו וועלכן ער האָט זיך באַקערט.
דער עילוי האָט אַלץ געקענט און פֿאַר אַלץ זיך גענומען.
ער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין יאָר 1900. געשריבן האָט ער בעלעטריסטיק, פּאָליטישע אַרטיקלען, טעאַטער־שטיק, איבערזעצונגען אאַז"וו.

ער האָט געדרוקט זײַנע שאַפֿונגען אין פֿאָלגנדיקע שפּראַכן — אין העברעיִש, ייִדיש, דײַטש, רוסיש, ענגליש, פֿראַנצייזיש און שפּאַניאָליש.

ער האָט אין יאָר 1916, אין דער צײַט פֿון מלחמה, רעדאַקטירט אַ וואָכנבלאַט „ייִדישע שטימע“, אַ שאַרף אַנטימיליטאַריסטיש וואָכנבלאַט.

בלויז 13 נומערן זענען אַרויס פֿון דעם דאָזיקן טשיקאַוון וואָכנבלאַט.

אַחוץ אַנטימיליטאַריסטיש איז דאָס וואָכנבלאַט געווען שאַרף נאַציאָנאַל־ראַדיקאַל.

דרײַ יאָר איז ער דער רעדאַקטאָר פֿון דעם אַנאַרכאָ־קאָמוניסטישן וואָכנבלאַט „דער אַרבעטער פֿרײַנד“. ער האָט צווישן זײַנע וואַרפֿענישן אין פֿאַרשידענע ריכטונגען זיך גענומען צו שרײַבן אַ גאָר וויכטיק וויסנשאַפֿטלעך ווערק, פֿון וועלכן עס זענען געדרוקט געוואָרן בלויז די ערשטע דרײַ קאַפּיטלען, עס איז „די געשיכטע פֿון די ייִדישע דרוקערײַען“, אין וועלכן עס האָט אויך באַדאַרפֿט אַרײַנגיין די געשיכטע פֿון דעם ייִדישן בוכהאַנדל און פֿון די ייִדישע ביבליאָטעקן.

ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ סידור פֿאַר שולן מיט היסטאָרישע און גראַמאַטיקאַלישע באַמערקונגען און מיט אַן אַרײַנפֿיר וועגן דער געשיכטע פֿון סידור.

ער האָט אויך איבערגעזעצט פֿון פֿראַנצייזיש מאָליערס „דער קאַרגער“, און אָנגעשריבן אַ ביכל „די פֿילאָזאָפֿיע פֿון אַנאַרכיזם“.

ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ „געשיכטע פֿון דער צענזור פֿון דער קירך און דער אינקוויזיציע אויף ייִדישע ספֿרים“.

די דאָזיקע אַרבעט האָט ער געשריבן אויף דעם גרונד פֿון אַ כּתבֿ־יד, וואָס געפֿינט זיך אין דער פּאַריזער ביבליאָטעק פֿון אַן אַלטן צענזאָר, אַ ייִד פֿון צפֿת, אַ תּלמיד פֿון אַ גרויסן מקובל, און דערנאָך אַ משומד.

אין דעם כּתבֿ־יד ווײַזט דער משומד אָן וועלכע שטעלן אין יעדן ספֿר עס דאַרפֿן אויסגעמעקט ווערן.

דער גרעסטער אויפֿטו זײַנער איז די איבערזעצונג פֿון מסכת ברכות און סדר זרעים, דער לעצטער איז נאָך נישט געדרוקט געוואָרן.

זײַן איבערזעצונג איז אָן ספֿק אַ זייער קאָמפּעטענטע און אַ זייער לומדישע, אָבער דער ייִדישער לשון איז אָרעמלעך און בלאַס.

ער איז געווען מער אַ העברעיִשער שרײַבער ווי אַ ייִדישער.

און אפֿשר איז ער אין גאַנצן נישט געווען קיין שרײַבער, נאָר וואָס קען נישט אַן עילוי?

אַ ייִדישער עילוי קען אַלץ, ווייסט אַלץ און קען טאָן אַלץ.

אָבער געשטאָרבן איז ער אין ארץ־ישׂראל.

אין די אַלע זיגזאַגן, אין אַלע וואַרפֿענישן פֿון איין עקסטרעם צו אַן אַנדערן, פֿון איין אידעאָלאָגיע צו אַן אַנדערער, איז ער דאָך געבליבן אין איין זאַך געטרײַ און אויסגעהאַלטן, ער איז געווען דעם גרעסטן טייל פֿון זײַן לעבן אַ ציוניסט און איז געשטאָרבן אַ ציוניסט אין ארץ־ישׂראל.

פֿון די פֿיל עילויים, וואָס איך האָב געקאָנט, איז ד"ר יעקבֿ־מאיר זאַלקינד געווען דער אמתער עילוי און דעריבער דער אומגליקלעכסטער.

דער אמתער עילוי איז אַ שטיק אומרו, אַ מענטש, וואָס געפֿינט קיין אָרט אין לעבן, און ער בײַט אָפֿט זײַנע ערטער, זײַנע גלויבנס, זײַנע באַשעפֿטיקונגען און זײַנע סימפּאַטיעס.

ער קען אַלץ און קען אייגנטלעך גאָרנישט.

ער ווייסט אַלץ און ווייסט אייגנטלעך אַזוי גוט ווי גאָרנישט.

ווען איך בין געקומען קיין בערן איז יעקבֿ־מאיר זאַלקינד געווען שוין אַן אַלטער סטודענט, אָבער איך האָב נאָך באַוויזן צו באַגעגענען זיך מיט אים, רעדן, דיסקוטירן און באַקענען זיך מיט אים ווי ווײַט נאָר עס איז געווען מעגלעך.

יאָ, ער איז געווען אַן אמתער עילוי, דאָס הייסט, אַן אויסערסט פֿעיִקער מענטש, זײַן מוח האָט אַלץ געקענט אײַנזאַפּן אין זיך און זײַן זכּרון האָט אַלץ געקענט אײַנהאַלטן אויף שטענדיק, אָדער אויף אַ לאַנגער צײַט.

אָבער ווי יעדער אמתער עילוי, וועמען אַלץ גיט זיך לײַכט אײַן, אָן קיין שום אָנשטרענגונג, האָט ער זיך נישט געקענט אָפּשטעלן אויף אַ באַשטימטן וויסנשאַפֿטלעכן און ליטעראַרישן צווײַג.

אָבער דער עיקר – ער האָט געהאַט גרויסע פֿעיִקייטן, אָבער קיין שום טאַלאַנט, טאַלאַנט האַלט דעם מענטשן צוגעבונדן צו אַ באַשטימטן צווייַג פֿון דער וויסנשאַפֿט, אָדער קונסט.

דער עילוי ווערט צו קיין זאַך נישט צוגעבונדן, און דער סוף איז — ער קען אַלץ און קען קיין זאַך נישט גרינטלעך; ער קען אַלץ, אָבער ער איז נישט צוגעבונדן צו קיין זאַך.

דער אמתער עילוי איז אַ טראַגישע פּערזענלעכקייט, וואָס איז געבענטשט מיט גרויסע פֿעיִקייטן, אָבער פֿאַרשאָלטן מיט נישט־צוגעבונדנקייט און נישט־געטרייַקייט צו אַלץ.

יעקבֿ־מאיר זאַלקינד האָט זיך יאָ געקענט צובינדן צו אַ געוויסער אידעאָלאָגיע, צו אַ געוויסן ליטעראַרישן צווייַג, אָבער קיין מאָל נישט גענוג לאַנג, אַז עס זאָל ווערן זייַן לעבנסצוועק, זייַן לעבנס־אידעאַל. ווי אַן אמתער עילוי איז ער געווען באַנומען פֿון אַן אייביקער אומרויִקייט.

דער אומרו זייַנער האָט אים געטריבן און געוואָרפֿן פֿון איין עקסטרעם צו דעם אַנדערן.

אָבער איין גרויסער כאַראַקטער־שטריך איז געווען אין אים און דאָס איז — ערלעכקייט.

ער האָט קיין מאָל נישט געטאָן אַ זאַך, אין וועלכער ער האָט נישט געגלייבט.

ער האָט געמוזט גלייבן, כּדי צו טאָן עפּעס.

ער האָט אָפֿט געביטן זייַן גלויבן, זייַנע אידעאָלאָגיעס, אָבער אָן אַ גלויבן איז ער זייַן גאַנץ לעבן נישט געבליבן.

אָן אַ גלויבן וואָלט ער אומגעקומען, דער אומרו וואָלט אים פֿאַרטראָגן אין הרי־חושך.

יעקבֿ־מאיר זאַלקינד איז געווען דער ערשטער טשיקאַווער כאַראַקטער, וואָס האָט מיך פֿאַראינטערעסירט אין בערן, אין דער שטאָט, אין וועלכער דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס די ייִדיש־רוסישע יוגנט האָט פֿאַרמאָגט, האָט זיך געפֿונען.

כּמעט יעדער איז געווען קאָנטיק מיט עפּעס און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט עפּעס.

ד"ר י. מ. זאַלקינד איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיך פֿאַראינטערעסירט, ווייַל ער האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן מער ווי אַלע, ווייַל ער איז געווען דער גרויסער צולהכעיסניק אין דער פֿאַרביקער בערנער סטודענטישער קאָלאָניע.